# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

..לבנות חומה לשמירת המתים המופקרים.. צורך יותר מתכריכים ומלבושיהם.. ומי המסתפק בזה (ליקוטי שו"ת חת"ם ל"ז)

זכות הדפסת הגליון מרת פרים לאה צפורה לע"נ ב"ר שמואל ע"ה

ברגשי כבוד אנו משגרים ברכת מזל טוב לידידינו הנאמן כביר המעשים
ראש וראשון לכל קדשי בית ישראל, חבר הנהלת אבותינו
כש"ת הרב החסיד ר' **חיים רפאל פערענץ** שליט"א **וזו' הה'** תחי'
לרגל הבר מצוה של בנו הנחמד כמר **מנשה הלל** נ"י
ולשבחו יאמר שכבר מעת ילדותו עלה בידו לקבץ סכומים
הגונים לטובת התשב"ר של **נחלת אבות** בודאפעסט
**ובזו השעה אנו מברכים לידידינו ר' חיים רפאל שליט"א ולכל משפחתו שיחי'**
**לרגלי קביעת בית דירתו בעיר הק' קרית יואל**
השי"ת יהי' בעזרו שיהא בואו לברכה ולהצלחה ולהרבות פעלים לתומ"צ
כברכת כל ידידיו במסגרת **אבותינו** - **נחלת אבות** באדאפעסט

## דאמאק, אונגארן

מנו"כ של מרת **דרעזיל** ע"ה
אשת הרה"ח ר' **ישעי' מנחם ראזענבוים** ז"ל
אם משפחת הח' **אייזדארפער** הי"ו

### בשורה טובה תדשן עצם

העפטיגע בוי-ארבייט אנגעהויבן
אויפצושטעלן א גדר ארום דעם
פארלאזטן ביה"ח

בנדבת צאצאי יוצאי העיר ובראשם משפחת
הרבני החסיד מוה"ר **הערשל** בהרר"ז **לאנדא** ז"ל
בראשות ידידינו היקר מנאמני אבותינו
מוה"ר **ישראל יעקב הירש** הי"ו **וזוג' הה'** תחי

הבדיה"ח מתוקן ע"י אבותינו מספר 210 בנדבת בני המשפחה החשובים




מצבת האשה הח' מרת **דריזל** ע"ה
נתקן ע"י הרבני החסיד מוה"ר ר' **הערשל לאנדא** וזוג' ע"ה

## #4 הערות והארות

**המטרה: קלארשטעלן פארשידענע פראגעס און עפיזאדן פונעם עבר לתועלת העתיד.**

**פראגע:** אינ'ם בולעטין ערשיינט לעצטנס א זיגל מיט א נומער אויף די בתי חיים וואס מען האלט אינמיטן איבערבויען. פון אויבן אויף פארשטיי איך אז דאס איז א מספר פון א געבויטע ביה"ח, אין א סדר פון אבותינו'ס ערשטע פראיעקט. פיל מאל ווער איך אבער צומישט ווען איך זע א ביה"ח וואו מען בויט מיט א זיגל פון גאר א פריערדיגע נומער, אדער ווען איך זע א זיגל אויף א ביה"ח וואס איך ווייס איז נאך נישט גענצליך פארענדיגט. קענט איר מיר ערקלערן די סדר און מטרה פון די זיגלען מיט די נומערן?

הבדיה"ח מתוקן ע"י אבותינו מספר 210 בנדבת בני המשפחה החשובים

**ענטפער:** די זיגלען לויפן געוויס אויפ'ן סדר פון ווען מען האט געבויט דעם ביה"ח, אנגעהויבן פון דעם ערשטן פראיעקט אין **בענישאר, ראמעניע**, וועלכער איז פארשריבן אלס נומער 1, וואס דאס העלפט האלטן חשבון אויף די פראיעקטן. א ביה"ח ווערט פארזיגלט מיט א נומער ווי נאר די ארבעט הייבט זיך אן. אויב די ארבעט ווערט צוטיילט אין עטליכע פאזעס וואס ווערט פארענדיגט אין א משך פון א פאר יאר, וועט דער ביה"ח פארבלייבן מיט'ן אלטן נומער וואס איז באשטימט געווארן ביים אנהויב פון די ארבעט. דעריבער וועט די שפעטערדיגע אנטוויקלונגען געמאלדן ווערן אינ'ם בולעטין מיט'ן פריערדיגע נומער וואס איז געלייגט געווארן ביי די התחלת העבודה.

אזוי אויך, קען אמאל בלייבן שטיין די ארבעט אין א ביה"ח אויף עטליכע יאר צוליב פארשידענע פראבלעמען מיט די שכנים, לעגאליטעטן וכדו'. וויבאלד מען האט שוין אבער אנגעהויבן דעם פראיעקט וועט עס בלייבן פארזיגלט מיט'ן באשטימטן נומער טראץ דעם וואס ס'איז נאך נישט פולקאם פארענדיגט. עס איז אויך וויכטיג אנצומערקן אז אין פאל פון פראבלעמען אינ'ם ביה"ח, וועט אבותינו פרובירן אנצוהייבן בויען אפילו א קליינע חלק, ווייל דורכדעם ווערט פילפאכיג פארגרינגערט די ווייטערדיגע השתדלות.

## נ. בערצעל , אונגארן

מקום מנו"כ של ראש בית אב הרה"צ ר' **משה בלומענטהאל** זצ"ל

**ראשי הוועד:**
מו"ה **יהושע בלומענטהאל** הי"ו
מו"ה **בנימין שמשון בלומענטהאל** הי"ו
מו"ה **אלכסנדר משה בלומענטהאל** הי"ו
הרב **דוד יהודה הירשפעלד** הי"ו
מו"ה **ברוך האס** הי"ו
מו"ה **יהושע פאלק הרשקוביץ** הי"ו
מו"ה **חיים בער ווייזער** הי"ו
מו"ה **ברוך שיינבערגער** הי"ו

**וועד הפועל:**
מו"ה **דוד לעוו** הי"ו
מו"ה **משה יאקאב** הי"ו
מו"ה **יואל קרויס** הי"ו
מו"ה **יוסף בנימין שיינבערגער** הי"ו
האחים הח' בני
ר' **ברוך שיינבערגער** הי"ו
**בהשתדלות:** האברך היקר
מו"ה **ישראל חיים שיינבערגער** הי"ו




גרויס צופרידנהייט ביי די חשובע נדבנים יוצאי העיר אז מ'האט בשעטו"מ אנגעהויבן די ארבעט פאר א נייעם וועג צום ביה"ח און גלייכצייטיג פארענדיגן דעם גדר

נתפרסם לע"נ
דבורה רעכיל ב"ר
מרדכי יודא ע"ה

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha